**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/9/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול בעט גרויסע דיזעסטער דעקלעראציע פון פרעזידענטביידען צו פארזיכערן פעדעראלע הילף פאר קאמיוניטיס וואס זענען באטראפן געווארן פון שווערע וועטערס אויף יולי 10 און 11**

***אויב נאגעגעבן, וועט די דעקלעראציע צושטעלן פעדעראלע הילף פאר קארטלענד, עסעקס, העמילטאן, לואיס, און סט. לאורענס קאונטיס***

***טארנעידאס, ווינטן און פארפלייצונגען האבן געברענגט שאדנס לענגאויס צענטראל ניו יארק און נארט קאונטי***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געבעטן א גרויסע דיזעסטער דעקלעראציע פון פרעזידענט ביידען צו שטיצן די אנגייענדע ערהוילונג באמיאונגען פון קאמיוניטיס וואס זענען באטראפן געווארן פון די שווערע וועטערס וואס האבן פאסירט יולי 10 און 11. אויב נאגעגעבן, וועט די דעקלעראציע צושטעלן פעדעראלע הילף געלטער פאר קארטלענד, עסעקס, העמילטאן, לואיס, און סט. לאורענס קאונטיס צו דעקן ברוכווארג רייניגונג, נויטפאל באשיצונג מאסנאמען און פאריכטונגען צו פאבליק געביידעס און אינפראסטרוקטור. ניו יארק ארבעט ווייטער מיט געטראפענע געגנטער צו זאמלען בארעכטיגטע שאדנס צו קענען שטיצן א פארלאנג פון די קליינע ביזנעס אדמיניסטראציע (Small Business Administration) פאר נידריגע אינטערעסט הלוואות.

"אונזער סטעיט האט בייגעוואוינט אן אומשאצבארע נומער פון טארנעידאס, שווערע רעגנס, און שענדליכע ווינטן אין יולי וואס האט געברענגט פיל שאדנס לענגאויס צענטראל ניו יארק און די נארט קאונטי," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "היינט בעט איך א גרויסע דיזעסטער דעקלעראציע וואס וועט העלפן אויפעפענען מער פעדעראלע הילף צו שטיצן אונזער אנגייענדע פרואוון צו העלפן ניו יארקער זיך ערהוילן בשעת געמיינדעס טוען ווייטער זיך מוטשענען מיט די אפעקטן פון די היסטארישע וועטער ערשיינונג."

א גרויסע דיזעסטער דעקלעראציע טוט פארזיכערן פינאנציעלע הילף פון די פעדעראלע רעגירונג, ספעציעל דורך FEMA'ס פאבליק הילף פראגראם, צו צושטעלן פאנדינג פאר לאקאלע רעגירונגען, שבטים און בארעכטיגטע נאן-פראפיטס פאר ברוכווארג רייניגונג, באשיצנדע מאסנאמען, און פאריכטונגען צו פאבליק געביידעס און אינפרעסטרוקטור, אריינגערעכנט שאסייען, בריקן, וואסער און אפפאל באהאנדלונג אנשטאלטן, קריטישע אינפרוסטרוקטור ערטער, שולעס, שפיל פלעצער און אנדערע אנשטאלטן.

נאכפאלגנדיג א קאטאסטראפע, ארבעט די אפיס פון קאטאסטראפע ערהוילונג פראגראמען ( Office of Disaster Recovery Programs) פון די דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס (Division of Homeland Security and Emergency Services, DHSES) דירעקט מיט

בעאמטע פון די פעדעראלע עמערדזשענסי מענעדזשמענט אגענטור (Federal Emergency Management Agency, FEMA) און מיט באטראפענע לאקאלע רעגירונגען צו אפשאצן די שאדנס וואס זענען פאראורזאכט געווארן דורך- און קאסטן פארבינדן מיט- די קאטאסטראפע. איינמאל די אפשאצונגען זענען פארטיג, גיבט FEMA ארויס א באשלוס אויב די סטעיט און באטראפענע קאונטיס קומען נאך די פארלאנגטע פעדעראלע באדינגונגען פון שאדנס כדי צו דעקלערט ווערן א 'מעידזשאר דיזעסטער'.

**די דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס קאמישאנער דשעקי ברעי האט געזאגט,** "די וועטערס אין יולי זענען געלאפן פון עקסטרעמע היץ ביז שענדליכע ווינטן מיט מערערע טארנעידאוס, ביז פילע רעגנס און פארפלייצונגען וואס קומען מיט מיט דעם. לויט גאווערנער האקול'ס אנווייזונגען, זענען שטאטישע אגענטורן דארט געווען צו העלפן אונזערע לאקאלע גאווערמענט שותפים ענטפערן צו קאמיוניטיס וואס האבן געדארפט הילף. אונזער טיעם איז אנטשלאסן צו ארבעטן צו פארזיכערן אז די באטראפענע באקומען צוטריט צו די פעדעראלע ערהוילונג געלטער וואס קומט זיך זיי."

איידער די שטורעם, האט גאווערנער האקול דירעקטירט שטאטישע אגענטורן צו צוגרייטן עמערדזשענסי רעאקציע מאסנאמען און בלייבן אין שטענדיגע פארבינדונג מיט לאקאלע רעגירונגען צו אבאכטן וועטער ווירקונגען און ענטפערן געבעטן פאר הילף. נאך די שטורעמס, האט גאווארנער קעטי האקול געמאלדן ביז 11 מיליאן דאלאר אין עמערדשענסי הילף פאר בארעכטיגטע היימאייגנטומערס און געגנטער אין זיבן קאונטיס וואס זענען באטראפן געווארן דורך א רייע פון שווערע וועטער אינצידענטן פון יולי 10 ביז יולי 16.

**איבער די סטעיט אפטיילונג פון היימלאנד זיכערהייט און עמערזשענסי סערוויסעס**
די אפטיילונג פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס שטעלט צו פירערשאפט, אנפירונג און שטיצע פאר אונטערנעמונגען צו פארמיידן, באשיצן פון, זיך גרייטן פאר, רעאגירן צו, און זיך ערהוילן פון טערער און אנדערע מענטשליך-פאראורזאכטע און נאטורליכע קאטאסטראפעס, דראונגען, פייערן און אנדערע נויטפעלער. פאר מער אינפארמאציע, באזוכט די DHSES פעיסבוק פעידזש, פאלגט נאך @NYSDHSES אויף טוויטער און אינסטאגראם, אדער באזוכט [dhses.ny.gov](dhses.ny.gov).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן